Publié par
l’Association
pour l’Etude
et la Diffusion de
la Culture Yiddish
(A.E.D.C.Y.)

# דער ייִדישער
# טעם-טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש-לערנערס

אַ פּובליקאַציע
פֿון דער
געזעלשאַפֿט
פֿאַרן ייִדיש-למוד
(געפֿיי״ל)

אדר תשנ״ו / פֿעברואַר 1996

יאָר 1, נומער 3

יום-טובֿדיקע טעג

## פּורים

סוף ווינטער קומט דער פֿרייִלעכער יום-טובֿ פּורים און דער אַלטער קאַרנאַוואַל מיט דעם גאַנצן טאַראַראַם.

די געשיכטע פֿון פּורים שטייט אין מגילת-אסתּר[1]. די מעשׂה איז געשען אין פּערסיע אין די טעג פֿונעם מלך אחשוורוש[2], וואָס איז געווען אַ שיכּור[3] און אַ שוטה[4]. אויף זײַן געבורטסטאָג האָט ער געמאַכט אַ סעודה צו וועלכער ער האָט פֿאַרבעטן אַלע זײַנע פּרינצן. מע האָט אַ סך געגעסן און געטרונקען. ווען אחשוורוש איז שוין געוואָרן גוט שיכּור, האָט ער געהייסן אַז די מלכּה ושתּי[6] זאָל קומען און שטיין אַ נאַקעטע פֿאַר די געסט צו ווײַזן די שיינקייט אירע. די מלכּה ושתּי האָט נישט געפֿאָלגט, האָט דער מלך באַפֿוילן זי צו הרגענען[7].

דער מלך האָט געהאַט אַ מיניסטער וואָס האָט געהייסן המן[8]. ער איז געווען זייער אַ שלעכטער מאַן, אַ רשע[9]. פֿאַר אים האָט מען געמוזט זיך בוקן[10] און קניִען. אין יענער צײַט האָט געלעבט דער ייִד מרדכי הצדיק[11], וואָס האָט קיין מאָל נישט געוואָלט זיך בוקן און קניִען. המן איז געוואָרן שטאַרק אין כּעס[12]. איז ער געקומען צום מלך און געפֿאָדערט מע זאָל אויסהרגענען אַלע ייִדן. מרדכי האָט אָבער געהאַט אַ גוטן אײַנפֿאַל. ער האָט געהאַט אַ קרובֿה[13] אסתּר, וואָס איז געווען אַן אמתע שיינקייט. באַלד ווי אחשוורוש האָט זי דערזען, האָט ער געוואָלט זי זאָל ווערן די מלכּה. דאָס ייִדישע פֿאָלק איז געראַטעוועט געוואָרן און המן הרשען האָט מען אויפֿגעהאָנגען.



### דער אויפֿקום פֿון פּורים-שפּיל

פּורים לייענט מען אין שול מגילת-אסתּר. אָבער המנס נאָמען טאָר מען נישט הערן. דער עולם גראַגערט מיט גראַגערס[11] און קלאַפּט מיט די פֿיס צו „שלאָגן“ המנען. נאָך דעם פּראַוועט מען אַ סעודה. מע דאַרף אַזוי פֿיל טרינקען ביז מע ווייס נישט דעם אונטערשייד צווישן בענטשן מרדכין און שעלטן[15] המנען. די שפּאַסן, רעטענישן און גראַמען[16] האָט מען קודם-כּל[17] דערציילט אָן אָרדענונג. ביסלעכווייז זענען די טעקסטן פֿאַרגרעסערט און אויסגעבויט געוואָרן - פֿון דעם האָבן זיך גענומען די ערשטע פּורים-שפּילן מיט טענץ און געזאַנג. פֿון אימפּראָוויזירטע הלצות[18] און פּאַראָדיסטישע מאָנאָלאָגן איז אויסגעוואַקסן דאָס פּורים-טעאַטער.

1. MEGILES ESTER Rouleau d'Esther;
2. MELEKH AKhAShVEYRESh le roi Assuérus; 3. ShIKER; 4. ShOYTE sot;
5. SUDE repas de fête 6. MALKE VAShTI la reine Vashti; 7. HARGENEN tuer; 8.HOMEN;
9. ROShE méchant; 10. se prosterner;
11. MORDKhE HATSADIK Mardochée le Juste; 12. KAS colère; 13. KROYVE parente; 14. crécelles ; 15. maudire ;
16. rimes ; 17. KOYDEM KOL tout d'abord ;
18. HALOTsES plaisanterie

## סימפּאָזיום וועגן ייִדישע שפּראַכן

דעם 26סטן יאַנואַר 1996 איז פֿאָרגעקומען אין פּאַריז אַ סימפּאָזיום אויף דער טעמע פֿון ייִדישע שפּראַכן. אין משך פֿון איין טאָג האָבן אַקאַדעמיקערס רעפֿערירט וועגן לינגוויסטיק און סאָציאָ-לינגוויסטיק פֿון די ייִדישע שפּראַכן. דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט, במשך פֿון זײַן מער ווי צוויי-טויזנט-יעריקן קיום[1] אין גלות[2] געשאַפֿן נישט ווייניקער ווי 30 פֿאַרשיידענע שפּראַכן: ייִדיש און דזשודעזמאָ זענען די באַרימטסטע אָבער מע קען אויך אויסציילן ייִדיש-אַראַביש, ייִדיש-פּערסיש, ייִדיש-פּראָווענסאַליש, עטלעכע ייִדיש-איטאַליענישע דיאַלעקטן און אַנדערע.

איינער פֿון די רעפֿערענטן האָט געשטעלט די פּראָוואָקאַטיווע שאלה[3] : צי איז מאָדערן-העברעיִש אַ ייִדישע שפּראַך ? אָבער פֿון אַ וויסנשאַפֿטלעכן שטאַנדפּונקט איז די פּראַגע נישט אַזוי גרינג צו פֿאַרענטפֿערן. מחמת[4] דער צענטראַלקייט פֿון מדינת-ישראל אין דער הײַנטיקער ייִדישער וועלט, איז כּמעט אוממעגלעך צו טענהן אַז העברעיִש איז נישט קיין ייִדישע שפּראַך. אָבער אויב מען דעפֿינירט אַ ייִדיע שפּראַך ווי אַ שמעלצשפּראַך[5] און אַ מיעוט[6]-שפּראַך, איז זיכער שווער אַרײַנצונעמען עבֿרית אין אַזאַ קאַטעגאָריע.

עמעצער פֿון דעם עולם האָט אַרויסגעבראַכט אַז מע קען נישט רעדן פֿון ייִדישע שפּראַכן נישט דערמאָנענדיק דעם ייִדישן לעבנס-שטייגער : צי איז אַ ייִדישע שפּראַך ניצלעך בלויז פֿאַר די וואָס לעבן לויט אַ באַזונדערן ייִדישן לעבנס-שטייגער ? נאָר די דאָזיקע פֿראַגע רופֿט אַרויס נאָך אַ פֿראַגע : פֿאַר וואָס באַניצט דאָס רובֿ ייִדן אין די תּפֿוצות[7] נישט מער קיין ייִדישע שפּראַכן ?

1. KIEM existence; 2. GOLES exile; 3. ShAYLE פֿראַגע; 4. MAKhMES à cause de; 5. langue de fusion; 6. MIET מינאָריטעט; 7. TFUTsES diaspora

# בריוו פֿון ניו-יאָרק (פֿאַר אָנהייבער)

ניו-יאָרק איז אַ גרויסע שטאָט. אַלץ איז דאָרטן גרויס - גרויסע הײַזער, גרויסע גאַסן, גרויסע אויטאָס. ווען עס שנייט, דאַרף דער שניי אויך זײַן אַ גרויסער.

אין אַ קאַלטן זונטיק אין דער פֿרי הייבט אָן צו פֿאַלן אַ שניי. עס פֿאַלט און עס פֿאַלט ביז די גאַנצע שטאָט ווערט ווײַס. אַ ווײַסע גאַס און ווײַסע הײַזער. אַ ווײַסער פּאַרק מיט ווײַסעביימער. אַרום דעם פּאַרק איז דאָ אַ נידעריקע[1] וואַנט און בײַ דער וואַנט שטייט אַ קליין בענקעלע[2]. גייט מען אַרײַן אין פּאַרק און מע זוכט די וואַנט און דאָס בענקעלע. מע זעט זיי נישט מער. זיי זײַנען אין גאַנצן פֿאַרדעקט[3] מיט שניי - מיטן טיפֿן[4], ווײַסן, ריינעם[5] שניי.

אַ קאַלטער ווינט בלאָזט און עס ווערט זייער קאַלט. מע גייט אַרום מיט קאַלטע פֿינגער און אַ קאַלטער נאָז. נאָר די קינדער האָבן ליב דעם שניי. זיי שפּילן זיך אינעם קאַלטן, ווײַסן שניי און זיי מאַכן שנייקוילן[6] און שניימענטשן.

נאָך צוויי דרײַ טעג ווערט וואַרעמער. איצט ווערט די גאַנצע וועלט נאַס[7]. אויף דער נאַסער ערד ליגן גרויסע בלאָטעס[8]. איצט האָט מען נאַסע שיך און נאַסע פֿיס.

צום סוף ווערט דער שניי אַלט און שמוציק[9]. דער אַלטער שניי ליגט אויף די שמוציקע גאַסן. די ריינע, ווײַסע שטאָט איז נישטאָ מער. דאָס שיינע בילד[10] איז אַוועק ווי אַ חלום[11].




1. bas ; 2. banc (dim.) ; 3. couvrir ; 4. profond ; 5. propre ; 6. boules de neige ; 7. humide ; 8. gadoue ; 9. sale ; 10. image, tableau ; 11. KhOLEM rêve

# פֿון „די גאָלדענע קייט“

אין נומער 140 פֿון דער פֿערטליעריקער ליטעראַרישער צײַטשריפֿט „די גאָלדענע קייט“ איז דערשינען אַ דערציילונג פֿון דער מחברטע חווה ראָזענפֿאַרב „בריוו צו גאָט“. חווה ראָזענפֿאַרב איז געבוירן געוואָרן אין לאָדזש אין יאָר 1923. בעת דער צווייטער וועלט-מלחמה האָט זי אַ פּאָר חדשים דורכגעמאַכט אין לאָדזשער געטאָ. נאָך דעם איז זי פֿאַרשיקט געוואָרן אין אוישוויץ.

נאָך דער מלחמה האָט זי פֿאַרלאָזט פּוילן און אין 1950 באַזעצט זי זיך אין מאָנטרעאַל, וווּ זי לעבט ביז הײַנט צו טאָג.

איר גאַנצע שאַפֿונג האָט זי געווידמעט דער חורבן-טעמאַטיק. אירע העלדן זענען ס׳רובֿ ניצול-געוואָרענע[1] פֿון געטאָס און לאַגערן.

דער העלד פֿון אָט דער דערציילונג איז יאַקאָב, אַ פּסיכיאַטער וואָס ווינט אין אַמעריקע מיט פֿרוי און קינדער. בײַ אים ווינט אויך זײַן טאַטע וואָס איז אין גאַנצן אַראָפּ פֿון זינען. ווען יאַקאָב גייט צו דער אַרבעט, בלײַבט זײַן פֿרוי אַליין אין שטוב מיטן קראַנקן טאַטן און זי קען עס נישט מער אויסהאַלטן.

זי בעט איר מאַן ער זאָל דעם טאַטן אײַנגעבן אַ גרויסע דאָזע מאָרפֿין, בכדי[2] ער זאָל בלײַבן רויִק דעם גאַנצן טאָג. אָבער יאַקאָב טענהט אַז אַזאַ דאָזע וואָלט אים אומברענגען. ס׳הייבט זיך אָן בײַ יאַקאָבן אַן אינערלעכער מאָנאָלאָג, אַ מין ווידוי[3], וווּ דער לייענער דערוויסט זיך אַז יאַקאָב האָט געטראָגן דעם טאַטן אויף די פּלייצעס בעת זיי זענען ביידע אַנטלאָפֿן פֿון קאַצעט „ווי יעזו האָט געטראָגן דעם צלם[4] אויפֿן גאָלגאָטאַ“. איצט שטייט יאַקאָב צום צווייטן מאָל אַליין מיט זײַן טאַטן אַנטקעגן טויט און ס׳איז אים אַוודאי אַ געוויסנס-פֿראַגע.

1. survivants NITSL ; 2. BIKHDEY afin que (syn. de כּדי ) ; 3. VIDE confession ; 4.TSEYLEM croix



**פּורים איז תּמיד געווען אַ יום-טובֿ פֿון שפּילן, שפּאַסן און איבערדרייען די וועלט. אין דעם ליד שטעלט דער פּאָעט פֿאָר אַ פֿיגור פֿון אַן אַמאָליקן פּורים-שפּילער.**

# איך, אַ פּורים-שפּילער

## פֿון משה בראָדערזאָן

איך בין אַ פּורים-שפּילער הײַנט!
און כ'שפּאַס פֿון מײַנע פֿרײַנד און פֿײַנט!
און פֿון די קײַלעכדיקע מאַסקע-לעכער[1]
פֿליט איצט מײַן יונגער לאַכענדיקער בליק ארויס -
אַריבער יעדן פּאַלאַץ, יעדן קליינעם הויז,
און פֿלאַטערט[2] אויף, און פֿליגלט העכער,
אַריבער ימען[3], טײַך און טעכער[4],
און פֿליקט[5] מיט דערנער[6] יעדע רויז,
און קיצלט[7] בײַ די זײַטן יעדן טרוים-פֿאַרשטערער[8],
און גיט דעם שׂטן[9] יין-נסך[10], בראַנד[11] אַ פֿולן בעכער:
- היי, אַלטער שוטה[12], מיט די אויגן רויטע,
טרינק און זינג -
„המן איז אין דר'ערד
און מרדכי - אויפֿן פֿערד!”

אין פֿרעמדע גלעקער קלינג,
אַז אויפֿשטיין זאָלן אַלע טויטע!
(...)
און ווער עס זעט, דערקענט אין מיר - פֿיערדראָ
וואָס אָטעמט מיט דער צופֿעליקער חיי-שעה[13],
און כ'גיי אַרום, כ'שפּאַציר אַרום אין ווײַסן, ברייטן קיטל[14],
און כ'זוך אַ לוסטיקן, בשׂמחהדיקן[15] מיטל
צו אויסשפּאָטן[16] פֿון פֿײַנט און פֿרײַנד,
ווײַל כ'בין (...)
אַ פּורים-שפּילער הײַנט!

1. ouvertures dans un masque ; 2. אויפֿפֿלאַטערן prendre son vol ; 3. YAMEN mers ; 4. fleuves (variante de טײַכן) ; 5. plumer ; ici : cueillir ; 6. épines ; 7. chatouiller ; 8. troubleur des rêves 9. SOTN Satan ; 10. YAYEN-NE'SEKh vin pour libations païennes ; 11. פֿײַער ; 12. ShOYTE sot ; 13. KhAYEShO' moment de plaisir fugitif ; 14. tunique blanche portée à Yom Kippour et Pesakh qui sert aussi de linceul 15. BESIMKhEDIKN joyeux ; 16. se moquer

# דער לאָדזשער עקסטראַוואַגאַנט

משה בראָדערזאָן איז געבוירן געוואָרן אין מאָסקווע אין 1890. אין 1891 האָט די רוסישע רעגירונג דעקרעטירט דעם גירוש[1] פֿון אַלע ייִדן פֿון מאָסקווע און די משפּחה האָט זיך באַזעצט אין לאָדזש. ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן אַרטיקלען אויף ייִדיש אין דער לאָדזשער ייִדישער פּרעסע אין 1908, און אין 1913 האָט ער אַרויסגעגעבן זײַן ערשט בוך לידער.

די ערשטע וועלט-מלחמה האָט ער פֿאַרבראַכט אין מאָסקווע ווו ער האָט זיך באַטייליקט אין דער מאָסקווער באַהעמע. צוריק אין לאָדזש אין 1919 איז ער געוואָרן דער רעדאַקטאָר פֿון דער צײַטשריפֿט „יונג-ייִדיש“ און איינער פֿון די וויכטיקסטע ליטעראַרישע פּערזענלעכקייטן פֿון פּוילן.

אַ טאַלאַנטירטער פּאָעט, האָט ער אויך געהאַט הצלחה[2] ווי אַ טעאַטער-מענטש. אין 1924 האָט ער געשאַפֿן אַ קליין-קונסט-טעאַטער, אררט[3], ווו האָבן געשפּילט, צווישן אַנדערע, די אַקטיאָרן דזשיגאַן און שומאַכער, וואָס זענען געוואָרן וועלטבאַרימט נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה.

אין 1939 איז ער צוריק קיין מאָסקווע. דאָרטן האָט ער אַרויסגעגעבן זײַנע ווערק אין די סאָוויעטישע צײַטשריפֿטן.

אין 1949 איז ער פֿאַרשיקט געוואָרן אין אַ גולאַג אין סיביר. נאָך זײַן באַפֿרײַונג אין 1955 איז ער צוריקגעקומען קיין פּוילן. אין וואַרשע האָבן די ייִדישע קרײַזן אים מקבל פּנים[4] געווען מיט באַגײַסטערונג אָבער ער האָט נישט אויסגעהאַלטן צוצוזען דעם מצבֿ[5] פֿון פּוילישן ייִדנטום נאָכן חורבן, און ער איז געשטאָרבן פֿון אַ האַרצשלאַק אין 1956.

1. GEYRESh expulsion ; 2. HATsLOKhE succès ; 3. ARARAT ; 4. MEKABL PONEM מקבל פּנים זײַן accueillir ; 5. MATsEV צושטאַנד




## אַ טײַוולאָנישע קעסטלשפּיל

### פֿון רעכטס צו לינקס

**א.** מיסטיציזם, עזאָטעריזם, מיסטישע טראַדיציע. - ביטע, געבעט
**ב.** פֿראָנאָם דריטע פּערזאָן מערצאָל
**ג.** [שפּריכוואָרט] „רעדן איז זילבער, שוויַיגן איז ....“ - פּראָנאָם דריטע פּערזאָן וויַיבלעך איינצאָל
**ד.** לויפֿט, איַילט, טריַיבט
**ה.** דוד המלכס עלטער-באָבע. - טיַיוול
**ו.** [אַדווערב] דאָ, דאָרט, באַלד
**ז.** מענטשן פֿון רוסלאַנד. - טיַיוול
**ח.** גערוך, אַראָמאַט
**ט.** [שפּריכוואָרט] „אַן אָקס האָט אַ גרויסע צונג און קען קיין .... נישט בלאָזן“. - פֿאַרמאָג

### פֿון אויבן אַראָפּ

**1.** באַשולדיקער, פּראָקוראָר. - טומל, גערודער
**2.** פֿרעגוואָרט
**3.** טיַיוול אין אַ פֿרויען-געשטאַלט. - ענד
**4.** [אַדווערב] אויף דעם דאָזיקן אָרט. - [פּרעפּאָזיציע] דאָס פֿאַרקערטע פֿון „מיט“
**5.** ער וועט שעכטן דעם טיַיוול
**6.** רעדט אַזוי ווי אַ הונט. - מוזיק-נאָטע
**7.** זיי גיבן מילך. - פֿרייד, פֿאַמיליע-פֿיַיערונג
**9.** אַ מין בגד. - [שפּריכוואָרט] „צוזאָגן און .... האָבן קאָסט נישט קיין געלט“.

# בריוו אין רעדאַקציע

**אַ דאַנק די לייענער פֿאַר זייערע שיינע בריוו, וואָס האָבן אונדז שטאַרק דערפֿרייט.**

**מיר ענטפֿערן דאָ קורץ און שאַרף אויף עטלעכע באַמערקונגען :**

• די אַרטיקלען וואָס זיַינען געשריבן מיט קליינע אותיות זיַינען טאַקע פֿאַר גרויסע קענערס. אויב עס זעט אויס אַ ביסל שווער, נעמט איַיך ניט צום האַרצן, אַלץ וועט קומען מיט דער ציַיט.

• וועגן דער גאָר וויכטיקער „פּאָנטשקעס-פֿראַגע“ ווילן מיר צוגעבן צוויי באַמערקונגען : ערשטנס, צום באַדויערן, האָט אונדז די קאָפּיר-מאַשין אָפּגעטאָן אַ שפּיצל און אָפּגעמעקט איין וואָרט -מע מוז האָבן דריַי אייער ; צווייטנס, ענטפֿערן מיר דעם לייענער, וואָס זיַין באָבע האָט נישט גענוצט קיין איַינגעמאַכטס, אַז מיר האָבן זיך גוט איבערגערעדט מיט אַ סך קאָכמיַיסטערס און פֿאַרשיידיינע מבֿינים[1] און מיר פּראָקלאַמירן אַז מע קען מאַכן פּאָנטשקעס אָדער מיט איַינגעמאַכטס  אָדער אָן איַינגעמאַכטס.

• דער בריוו וואָס האָט אונדז די גרעסטע הנאה[2] געטאָן קומט פֿון אַ תּלמידה וואָס לערנט זיך ייִדיש נאָר אַן אָנדערטהאַלבן[3] יאָר. אָט איז איר בריוו :

*„איך מיין אַז דער טעם-טעם איז זייער אַ גוט בלעטל. מע שריַיבט דאָ וועגן דעם וואָס פּאַסירט, ווי שטריַיקן. לייענען וואָס ווערט געשריבן מיט קליינע אותיות איז צו שווער פֿאַר מיר, נאָר עס איז מיר געפֿעלן געוואָרן דאָס ליד וועגן די געסט. דאָס אַלץ איז זייער פֿריילעך, און עס גלוסט זיך מיר צו לערנען זיך וויַיטער.“*

**1. MEVINIM connaisseurs, sg. MEYVN ; 2. HANOE plaisir ;**
**3.** איין יאָר מיט אַ האַלבן



AEDCY
*Der Yidisher Tamtam*
B.P. 720
75163 Paris CEDEX 04

*אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט :*
*אַניק, בערטראַן, זשיל, יצחק, נאַטאַליאַ, רובי.*